# Digitales Brandenburg

## hosted by Universitätsbibliothek Potsdam


# Rebe Meʾir Bal ha-Nes

**Mezaḥ, Yehoshuʿa**

**Ṿilna, 662 [1901 oder 1902]**

.ה

urn:nbn:de:kobv:517-vlib-12911

Visual Library

איהם אָנגעפאַנגען צו וואַרנען פאַרין מאַלדן, פון גרויס שרעק און
שמערצען האט רבי מאיר אויף געוואַכט פון שלאָף, ער איז
גילעגען אויף זיין גילעגער און ער האט זיך געמאַכט שלאָפענדיג,
ביי איהם איז געווען דער בעשלוס ער זאָל פון קרעטשמע ניט
אַוועק גיין ביז עס וועט ווערען טאָג.

האַלבע נאַכט צייט האט איהם דער קרעטשמער אָנגע-
פאַנגען צו וועקען פון שלאָף, ער האט צו איהם אַזוי געזאָגט;
שטייא אויף, נעהם דיר שלאָפען קום מיט מיר, איך וועל דיר
צייגען דעם וועג וואו דו ברויכסט צו גיין, דו בינסט דאָך
אין דעם געגענד פרעמד. וועל איך מיט דיר טאָהן גנאָדע,
דיך פיהרען צייגען דעם ריכטיגען געהעגסטערין וועג, איך נעה
אויף דיין געזיכט דאָס דו בינסט זייער אַ פיינער איידעלער מאַן,
דער פאַר וועל איך דיר ניט פוילען און וועל זיך בעמיהען גיין
מיט דיר און וועל דיר צייגען וואו דו ברויכסט גיין כדי דו
זאָלסט ניט בלאָנדזשען אין דעם אונבעקאַנטען געגענד.

## ה.

רבי מאיר האט זיך געמאַכט וויא ער וויל נאָך שלאָפען.
מיט האַלבע פאַרמאַכטע אויגען האט ער אָנגעקוקט דעם
קרעטשמער און ער האט באַלד פאַרשטאַנען פון זיינע גנבה'שע
אויגען דאָס ער איז ניט גאַר אַ פיינער מענש, די אויגען זיינען
אַמאָל מוסרים, דאָס הויפט ביי אַ גנב און אַ גזלן זיינען די
אויגען ניט וויא ביי אַלע מענשען וויא אַפילו ברענט זייא
אין די אויגען, זייא זיינען ביסטרא, אַז זייא גיבען אַ קוק אויף
אַ מענשען, ערשרעקט זיך דער מענש פאַר זייא, רבי מאיר דער
גרויסער מענשען קענער האט דאָס באַלד באַמערקט, ער האט
זיך געמאַכט וויא ער וואָלט דאָס ניט פאַרשטיין, קאַלטבלוטיג
און זייער געלאַסען, ערינקסט, האט ער צו איהם געזאָגט; איך
קאַן

(ר"ם בעל תנם)

קאן פון דאנען ניט אוועק גיין, ווייל איך האב מיין ברודער
געגעבען בעהאלטען מיינע געלד, אונ איך ערווארטע איהם, ער
מוז דיא נאכט אהער קומען, פון דאנען וועלען מיר ביידע צוזא
זאמען גיין ווייטער, ער ווייס דעם גאנצען געגענד ארום אונ ארום
וועסט דוא ניט ברויכען זיך בעמיהען אונז צו צייגען דיא וועג,
מיר וואונדערט נור איין זאך וואָרום איז ער נאך ניטא, ער
האט שוין געדארפט זיין, נור איך רעכען ער האט זיך אין בית המדרש
פארשלאפען, אויף יעדען פאל מוז איך דא ווארטען, א דיא
נאכט איז נאך גענוג גרויס מעגליך עס וועט דויערן נאך אפאר
שטונדען וועט ער קומען.

— אין וועלכען בית המדרש האסט דוא איהם איבער
געלאזען — האט דער קרעטשמער געפרעגט —.

— איך האב מיין ברודער איבער געלאזען אין בית המדרש
וואס איז געבויט אויף יענע זייט שטאדט. וואו רבי עקיבא
לערינט דארט מיט זיינע תלמידים, ווייל מיין ברודער האט דארטען
געמוסט אביסעל ווארטען, ער האט געברויכט בעקומען געלד
פון רבי עקיבעם א תלמיד, נור דיא נאכט ניט שפעטער מוז ער
אהער קומען ניט אנדערש, מיר מוזען פאהרען דא ניט ווייט אפ
קויפען דעם וואלד, ער ווייסט ווען ער וועט דיא נאכט ניט
קומען וועט דאס אן אנדערער אפקויפען, וועלען מיר מוזען פאר
ליהרען אונזערע האנד געלט וואס מיר האבען געגעבען.

## ו.

דער קרעטשמער האט געוואוסט דאס דער הער וואס צוא
איהם ניהערט דיא קרעטשמע אונ דער וואלד פארקויפט ער דעם
וואלד. דער פאר האט ער געגלויבט וואס רבי מאיר האט איהם
ערציילט, אונ ער האט ביא זיך געטראכט, יעמצט וועל איך
פאנגען א גרויסען טהייערען פיש... א קליינינקייט, זייא ווילען
(ר״מ בעל הנס)
קויפען